# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייְעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

יתרו תשפ"ו
גליון 271

## דער ריינער קוואל

די שַׁבָּת אִיז פַּרְשַׁת מַתַּן תּוֹרָה. דֶער טְרָאווִיצֶער מַגִּיד פְּלֶעגְט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן צְוֵויי שַׁבָּתִים אַ יָאר. אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וִויל בַּאקוּמֶען תּוֹרָה בַּיים רֶבִּי'ן", וַוייל דִי צְוֵויי פָּרָשִׁיּוֹת לֵיינְט מֶען אִין דֶער תּוֹרָה פוּן מַתַּן-תּוֹרָה.

לָאמִיר זֶען אַ פָּסוּק אִין הַיינְטִיגְן פַּרְשָׁה וֶועגְן מַתַּן-תּוֹרָה. דֶער פָּסוּק זָאגְט: "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק" דֶער פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶערְהֶערְט אַז דָארְטְן וָואוּ סְ'אִיז פַארְנֶעפְּלְט אוּן פַארְטוּנְקְלְט אוּן פַארְוָואלְקְנְט, דָארְטְן אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה קט"ו רֶעדְט אַרוּם דֶערְוֶועגְן אַז, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אֲפִילוּ סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער, עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּם בַּיישְׁפִּיל צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי צוּם דַאוֶנֶען, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ מְוַותֵּר זַיין פַאר אַ חָבֵר אָדֶער אַ בְּרוּדֶער. פַאר אֵיינֶעם אִיז שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע מִדּוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין מַצָּב אוּן צוּשְׁטַאנְד. זָאל עֶר וִויסְן וָואוּ סְ'אִיז מִיר שְׁוֶוער, דָארְטְן אִיז מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בַּיי יִתְרוֹ זֶעט מֶען טַאקֶע, אַז יִתְרוֹ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גַלָּח, עֶר הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אַלֶע סָארְטְן תַּאֲווֹת הָאט עֶר גֶעמַאכְט, עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַארְגְרֶעבְּטֶער גוֹי. עַד-כְּדֵי-כָּךְ אַז פַּרְעֹה הָאט אִים גֶענוּמֶען פַאר אַן אַ עֵצָה-גֶעבֶּער, אַזוֹי שְׁטֵייט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוֹעֵץ בַּיי פַּרְעֹה אִין פַּאלַאץ.

וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּאלְטְן דֶער יַם, סְ'אִיז גֶעוֶוען מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק,

דַאן אִיז יִתְרוֹ גֶעוָוארְן אַ אִיד אוּן הָאט גֶעזָאגְט עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים. יֶעצְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע אָפְּגֶעטֶער.

זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָ' אַז וֶוען אַ גוֹי קוּמְט אוּן עֶר אִיז מוֹדֶה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז דֶער גָאט, דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן, סַיי אוֹיבְּן אִין הִימְל אוּן סַיי דָא אוּנְטְן.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה י', אַז נִישְׁט נָאר וֶוען אַ גוֹי קוּמְט, נָאר אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס בִּיז הַיינְט אִיז עֶר גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצְן לֶעבְּן בְּגַשְׁמִיּוּת אִין קַטְנוּת, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר מַכִּיר אַז נַיין, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער תַּכְלִית, דֶער תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ דִינֶען גָאט אוּן זַיין דָבוּק אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. טוּן מִצְוֹת אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה אוּן הָאבְּן אֱמוּנָה, אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית.

זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָ', אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה י', אַז דֶער עִיקַר נַחַת רוּחַ פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַוְוקָא פוּן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר גָאר וַוייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַדְּרַבָּה, אַזַא אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פַארְוָוארְפְן, אוּן עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען זֵייעֶר גְרוֹיס.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאלְט שׁוֹין אִין דִי טֶעג פוּן פַאר פּוּרִים אִיז טַאקֶע דִי צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, "הֶעלְף מִיר, עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין הֵיילִיגֶע אוּן גְרוֹיסֶע טֶעג, תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה,"

מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן בִּפְרָט דִי פַּרְשָׁה פוּן מַתַּן-תּוֹרָה, וָואס אַלֶע מְפָרְשִׁים זָאגְן, ר' נָתָן רֶעדְט אוֹיךְ דֶערְוֶועגְן אַז פַארְוָואס זָאגְן מִיר בַּיים דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג בַּיי בְּרָכוֹת, 'בָּרוּךְ אַתָּה ה' נוֹתֵן הַתּוֹרָה', מֶען דַארְף זָאגְן לְשֶׁעָבַר, 'נָתַן הַתּוֹרָה', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

זָאגְט ר' נָתָן, אַז נֵיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי תּוֹרָה יֶעדְן טָאג מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, יֶעדְן טָאג אִיז דָא נַייעֶ אוֹפַנִּים ווִי צוּ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט נַייעֶ וֶועגְן, ווַייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַ נַייעֶ תּוֹרָה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט 'מַתַּן-תּוֹרָה', דֶער עִיקָר כְּלִי פוּן מַתַּן-תּוֹרָה אִיז שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן יֶעדְן טָאג מִיט 'אַשְׁרֵינוּ', 'אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים', מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער. גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא אַז מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה, אוּנְז הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, 'הַבּוֹחֵר בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בּוֹחֵר גֶעוֶוען אִין אוּנְז אוּן מִיר זֶענֶען צוּרִיק בּוֹחֵר אִין אִים.

בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר זִיךְ אַלֶע אוֹיפְוֶועקְן פוּן נֵיי, בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ הֶארָה, אַ נַייעֶ הִתְחַדְּשׁוּת, אַ נַייעֶם גֶעפִיל אִין תּוֹרָה, אוּן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל שׁוֹין נִתְגַלֶּה וֶוערְן דֶער 'אוֹר-הַגָּנוּז' וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻּלָּנוּ בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, אָמֵן וְאָמֵן.

# איין מעשה'לע



דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אַ מַעֲשֶׂה פַארְ'ן רֶבִּינ'ס לִיכְט. ס'אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי לֵיינֶער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ דְרוּקְן. אוּן וָואס מֵיינְט אִיר טַייעֶרֶע קִינְדֶער? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ מַעֲשֶׂה מֶען זָאל הָאבְּן אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי תְּפִלָּה...

אַ אִיד הָאט מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן וֶועג צוּ כַאפְּן אַ טְרֶעמְפּ (הִיטְשׁ). אִין אֱמֶת'ן הָאבּ אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר גֶעאַיילְט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְבַּייפָארְן אַ אִיד וָואס וַוארְט אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין צִיל.

שְׁמוּעסְנְדִיג מִיט אִים הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז אַ בֶּן תּוֹרָה אוּן לֶעבְּט נָאר מִיט אֱמוּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְבַּיי הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה:

עֶר הָאט אַ קְלֵיינֶע טָאכְטֶער וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ וֶועגֶעלֶע פַאר דִי דַאלִי (בּוּבָּא). אַ גַאנְצְן טָאג הָאט זִי גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאר דִי אֵיין זַאךְ, "וֶועדֶעלֶע..." זִי רֶעדְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג קְלָאר, מִיט אִיר שְׁפַּרַאךְ הָאט מֶען גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין הֶערְן, "מַאמִי, וֶועדֶעלֶע..."

מִיר הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועט מֶען קוֹיפְן אַ וֶועגֶעלֶע, אָבֶּער מִיר הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִויאַזוֹי מִיר וֶועלְן דָאס קֶענֶען אַיינְהַאנְדְלֶען. דִי אוֹיסְגַאבְּן שְׁטֵייגְן וָואס אַ טָאג מֶער אוּן דִי הַכְנָסוֹת דֶעקְן דָאס קוֹים מִיט שְׁוֶועריַקַייט. אַ וֶועגֶעלֶע פַאר דִי דַאלִי אִיז נִישְׁט קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג. מֶען קֶען לֶעבְּן אָן דֶעם אוֹיךְ. זִי וֶועט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב אָן דִי וֶועגֶעלֶע פַאר דִי דַאלִי.

אָבֶּער אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען דִי צַעַר פוּן אַ קְלֵיין קִינְד אוּן גֶעהֶערְט אִיר תְּפִלָּה הָאט עֶר

שוין זַיְינֶע װֶועגְן דָאס אִיר צו שֶׁענְקֶען אֲפִילוּ דוּרְךְ װֶועגְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקְלֶערְט אַז סְ'קֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען. סְ'הֶערְט זִיךְ פַּאנְטַאסְטִישׁ, אָבֶּער אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה:

כ"ה אֱלוּל דִי גֶעבּוּרטְסְטָאג פוּן דָאס מֵיידְל הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַ חֲלוּקָה אַ קֶעסְטְל עוֹפוֹת אוּן נָאךְ אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן אוּן דֶערְצוּ אִיז גֶעוֶוען אַ קַארְטְל צוּ קֶענֶען אָפְּנֶעמֶען אַ- - - וֶועגֶעלֶע פַּאר אַ דַאלִי!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר הֶערְט? שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער כֹּל-יָכוֹל אוּן קֶען עֶנְק אַלֶעס צוּשְׁטֶעלְן וָואס עֶנְק דַארְפְן. אֲפִילוּ סְ'זֶעט אוֹיס אַזוֹי וַוייט פוּן עֶנְקֶער הַשָּׂגוֹת. פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער.




*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*סְ'אִיז קוֹים אַרִיבֶּער אַ חֹדֶשׁ פוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ בַּאקֶענְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָנְזֶעטִיגְן פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת אוּן דִיבּוּרִים. עֶר הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען וָואס מֶער מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. וואוֹינֶענְדִיג אִין נֶעמִירוֹב וָואס אִיז בְּלוֹיז צְוֵויי שָׁעָה וֶועג צוּ בְּרֶסְלֶב, כַאפְּט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּער בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהַייט. אוּן דָאס מוּז עֶר טוּן בַּאהַאלְטֶענֶערְהַייט נִישְׁט אוֹיפְצוּאֶוועקְן מַחֲלוֹקֶת קֶעגְן אִים.*

*רֶבִּי נָתָן קוּמְט אַהֵיים פוּן בַּארְדִיטְשׁוֹב וואוּ עֶר אִיז גֶעפָארְן פַאר מִסְחָר אוּן כַאפְּט זִיךְ וִוידֶער אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן.*

אַצִינְד לֵיינְט וַוייטֶער:

אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אַבִּיסְל פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם: בְּעִקָּר גִיבְּט זִיךְ זַיין רֶעבֶּיצִין אָפּ מִיט דִי פַּרְנָסָה, זִי שְׁטֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן נֶעמְט אוּף דִי קוּנְדְן, נָאר בַּיינַאכְט דַארְף עֶר אִיבֶּערְקוּקְן דִי בִּיכֶער צוּ זֶען אוֹיבּ אַלֶעס שְׁטִימְט.

"וָואס?!" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט. "יֶעדֶע נַאכְט דַארְפְסְטוּ פִירְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן אַוֶועקְגֶעבְן אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע צַייט פַאר גַשְׁמִיוּת?! אֵיין מָאל אַ וָואךְ דַארְף זַיין גֶענוּג! דַיינֶע עִיקָר חֶשְׁבּוֹנוֹת דַארְף זַיין פַארְ'ן תַּכְלִית אָנְצוּקוּמֶען צוּ יֶענֶער וֶועלְט."

פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס גֶעוֶוען גֶענוּג צוּ הֶערְן. אוֹיפְ'ן פְּלַאץ הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ מִיט אַ פֶעסְטֶע הַחְלָטָה: פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר בַּאקוּקְן דִי בִּיכֶער נָאר מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן מֶער נִישְׁט! דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶועט עֶר וִוידְמֶען נָאר אוֹיף לִמּוּד הַתּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה.

יֶענֶע נַאכְט וֶוען זַיין רֶעבֶּיצִין אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט, אִיז רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ. קְלֶערְנְדִיג אַז אִיר מַאן הָאט זִיךְ אֶפְשָׁר פַארְזוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיז זִי אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אִים זוּכְן. אָבֶּער צוּ אִיר אַנְטוֹישׁוּנְג הָאט זִי אִים נִישְׁט גֶעפוּנֶען דָארְט. גְלַייךְ הָאט זִי זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט

אַז ער איז ווידער גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי.

'וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת?' הָאט זִי זִיךְ גֶעזָארְגְט. 'אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט הַיינְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ גֶעלְט שָׁאדְן.' עֶס אִיז אִיר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַז סַיְיעוּר וֶועלְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת נִישְׁט גֶעמַאכְט וֶוערְן דוּרְךְ אִים יֶענֶע נַאכְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין דִי קוּמֶענְדִיגְן...

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעמָאלְדְן זַיין רֶעבֶּיצִין אִיבֶּער זַיין בַּאשְׁלוּס מֶער נִישְׁט צוּ זִיצְן אִיבֶּער דִי בִּיכֶער יֶעדֶע נַאכְט, אִיז דָאס אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעפַאלְן.

רֶבִּי נָתָן שְׁווּימְט אִין יַם הַתַּלְמִיד

אוֹיךְ פְרִיעֶר אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶר אַרַיינְגֶעשְׁווּימֶען אִין יַם הַתַּלְמִיד אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה מַמָּשׁ יֶעדֶע מִינוּט פוּן טָאג, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַיין לַאנְגֶע קַייט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיינֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אֲפִילוּ פוּן ווִיכְטִיגֶע עִנְיָנִים; רֶבִּי נָתָן רֶעדְט נָאר וָואס עֶר מוּז! אַלֶעס בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען נָאר תּוֹרָה אוּן נָאכְאַמָאל תּוֹרָה. גֶעשְׁלָאפְן אִיז עֶר נִישְׁט מֶער ווִי אַ פָּאר שָׁעָה אַ נַאכְט.

"רֶבִּי נָתָן, ווִי קֶענְט אִיר זִיךְ בַּאגֵיין מִיט אַזוֹי ווֵיינִיג שְׁלָאף?" הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט.

"בְּטֶבַע בִּין אִיךְ אַ פְלִינְקֶער," הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט. "אִיךְ טוּ אַלֶעס זֵייעֶר שְׁנֶעל, אֲפִילוּ מַיין שְׁלָאף מַאךְ אִיךְ פְלִינְק..."

צְווֵיי וָואכְן זֶענֶען אַרִיבֶּער אוּן ווִידֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעמַאכְט דֶעם וֶועג צוּם רֶבִּי'ן. עֶר בֶּענְקְט אוּן לֶעכְטְצֶעט צוּם אֵייבִּיגְן קְוָואל.

"זֵייט מַיין לֶעצְטֶע בַּאזוּךְ בַּיים רֶבִּי'ן, מַאךְ אִיךְ שׁוֹין דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת נָאר יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת," הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן.

"יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת דַארְפְסְטוּ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹנוֹת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט. "וֶוער ווֵייסְט וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט זָאגְן דֶערְצוּ? אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ זִיךְ בַּאגֵיין מִיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת נָאר אֵיין מָאל אַ חֹדֶשׁ? דִי צַייט וָואס מֶען לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר קוּרְץ. עֶס פְלִיט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל; נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ אִיז דָאס לֶעבְּן שׁוֹין פַארְבַּיי. נִיץ אוֹיס דַיין טַייעֶרֶע צַייט צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֶע אַרַיינְצוּכַאפְּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם ווִילַאנְג מֶען קֶען נָאךְ."

(אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וָואס עֶר וֶועט מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה, קֶען נִישְׁט קוּמֶען פְרַייטָאג כְּדֵי נִישְׁט צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי הֲכָנוֹת צוּם שַׁבָּת, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען עֶר נִישְׁט קוּמֶען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ווַייל מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין קַיין תְּחוּם שַׁבָּת, לוֹיט דֶעם אִיז מֶער מְסוּגָל אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאל קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דֶערְפַאר וֶוערְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פִיל דֶערְמַאנְט בַּיי דִי זְמִירוֹת פוּן מְלַוֶּה־מַלְכָּה. דָאס אִיז דִי סִבָּה פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמָאנְט פוּן רֶבִּי נָתָן, "וָואס וֶועט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְן?" אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן טְרֶעפְן רֶבִּי נָתָן זִיצְן אִיבֶּער דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וֶועט נִישְׁט זַיין גֶעשְׁמַאק...)

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַהֵיימְגֶעקֶערְט מִיט דִי הוֹרָאָה פוּן רֶבִּי'ן אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין רֶעבֶּיצִין וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן גֶעוֶוען. דֶער עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִיר גֶעפַאלְן שְׁוֶוער. זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר אִיר שְׁוֶוער אִיבֶּער אִיר מַאנ'ס לֶעצְטִיגֶע פִּירוּנְגֶען.

רֶבִּי נָתָנ'ס פָאטֶער אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט דֶערְפוּן אוּן הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג. אוֹיךְ דִי קְרוֹבִים אוּן חֲבֵרִים הָאבְּן אִים גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן וֶוערְן צוּרִיק

אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ... מֶען דַארְף זָארְגְן פַאר פַּרְנָסָה און טוּן וָואס מֶען דַארְף אִין לֶעבְּן, אָבֶּער פַאר רֶבִּי נָתָן זֶענֶען דִי אַלֶע רֵייד אַרַיין אִין אֵיין אוֹיעֶר און אַרוֹיס פוּן צְוֵוייטְן. אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט און דֶערְהֶערְט זֶענֶען גֶעוֶוען נָאר דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעסְט מִיט זַיין הַחְלָטָה צוּ אוֹיסְפָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הַדְרָכָה צוּ לֶערְנֶען און פַארְבְּרֶענְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר מִיט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אַז עֶר הָאט נִיטְאַמָאל גֶעהַאט צַייט צוּ הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט אִיבֶּער אִים און אַוַודְאַי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט זִיךְ צוּ דִינְגֶען מִיט דִי אַרוּמִיגֶע...

# אַכְטוּנְג: מֶען לָאקֶערְט אוֹיף דִיר!

אִינְדְרוֹיסְן אַ פֶּעדְלֶער, און אוֹיף זַיין טִישׁ זֶענֶען דָא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע און צִיעֶנְדֶע זַאכְן - שְׁלִיסְל הַאלְטֶערְס, לַאמְטֶערְנֶעס, צִינְדֶערְס, צַאמְלֵייג-מֶעסֶערְס, און נָאךְ. עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין!".

אָן צוּ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, הָאבְּן אַלֶע חֲבֵרִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לוֹיפְן אָן קֵיין אָטֶעם. נָאךְ פַאר עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער פִּיר מִינוּט, זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבֶּען דִי חֲפֵצִים, אַרוּמְגֶעשְׁפִּילְט און אוֹיסְפְּרוּבִּירְט, גֶעפְרֶעגְט און גֶעפָארְשְׁט. דֶער פַארְקוֹיפֶער - 'קוֹבִּי' - מִיטְן קְלֵיינֶעם קַאפְּל, אָן קֵיין בָּארְד און פֵּיאוֹת

הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי, און גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי וִוי אַ לַאנְגְיֶערִיגֶער חַבֶר. "חֶבְרָה, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת, אֱמֶת? עֶס אִיז דָא דָא פוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיר הָאט לִיבּ"...

"זָאג נָאר, וִויאַזוֹי הֵייסְטוּ? רְאוּבֵן, רִיכְטִיג? אִיךְ זֶע אַז דִי פַארְשְׁטֵייסְט גוּט צוּ מֶעסֶערְלֶעךְ. הֶער זִיךְ גוּט אַיין, רוּבִּי", הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט פַארְמַאכְנְדִיג זַיין לִינְקְן אוֹיג מִיט אַ פְרַיינְטְלִיכְן וִוינְק. "אִיךְ קוּם דָא נָאכְאַמָאל אִין צְוֵויי טֶעג אַרוּם. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּמֶען דָא, וֶועל אִיךְ דִיר אַוֶועקְלֵייגְן אִין זַייט, אַ גוּטֶער שִׁיסֶער מִיט קְלֵיינֶע קוֹילְן, מִיט וָואס

המשך פון זייט 12

דוּ וֶועסְט קֶענֶען שִׁיסְן פוּן וַוייט, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל דִיר קֶענֶען כַאפְּן. דָאס וָואלְט גֶעוֶוען גָאר פַּאסִיג פַאר דִיר רוּבִּי, וַוייל אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ 'חֶבְרָה-מַאן'"...

רְאוּבֵן הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט, אַז קוֹבִּי פְּרוּבִּירְט אִים דָא צוּ פַארְכַאפְּן. גְלַייךְ מִיטְוָואךְ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיינֶע לִימוּדִים, הָאט עֶר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אַז עֶר גֵייט נִישְׁט קוּמֶען הַיינְט צוּ מַתְמִידִים, וַוייל עֶר אַיילְט זִיךְ צוּ קוֹבִּי דֶער פֶּעדְלֶער. זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט, "וָואס?! רְאוּבֵן דֶער מַתְמִיד אִיז אַזוֹי לַייכְט מְוַותֵּר אוֹיף זַיין קְבִיעוּת'דִיגֶע חַבְרוּתָא מִיט וֶועמֶען עֶר לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג?! וִויאַזוֹי קֶען עֶס זַיין?!" זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען, און רְאוּבֵן הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט צוּ קוֹבִּי, אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל, מִיט זַיין שִׁיסֶער און זַיינֶע אִיבֶּערְרַאשׁוּנְגֶען.

קוֹבִּי הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁמֵייכְלְט מִיט פְרֵייד. אָט-אָט, אִיז עֶר מַצְלִיחַ אִים צוּ כַאפְּן!

**דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט זַיינֶע תַּחְבּוּלוֹת, זוּכְט אוּנְז צוּ כַאפְּן, אַז מִיר זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּמֶען צוּ אִים און זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אִים, פּוּנְקְט וִוי יֶענֶער רוֹצֵחַ וָואס הָאט גֶעזוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן דֶעם קֵייזֶער'ס טָאכְטֶער.**

# דאס טייכל טרערן ביים הייליגן ציון

װען רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט
עֶר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ מִיטְפָארְן מִיט זַיין פָּאטֶער
רֶבִּי בָּרוּךְ קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן, זַיין
טַאטֶע רֶבִּי בָּרוּךְ הָאט אָבֶער זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט.
אָבֶער נִישְׁט אַזַא סָארְט אִינְגְל אִיז יוֹחָנָן גֶעוֶוען
אַזוֹי גְרִינְג מְוַותֵּר צוּ זַיין אוֹיף
אַזַא חָשׁוּבֶ'ע זַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ
אִיבֶּערגֶעקְלוּקְט, אִין שְׁנֶעלְקַייט
הָאט עֶר אֵיינְגֶעפַּאקְט אִין טַאטְנְס
רֶענְצְל זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער
אוּן גֶעלָאפְן צוּם בַּאן סְטַאנְצְיֶע
װען עֶר אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען
נָאךְ פַאר דֶער טַאטֶע אִיז אַהִין
גֶעגַאנְגֶען.

װען רֶבִּי בָּרוּךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם
סְטַאנְצְיֶע טְרֶעפְט עֶר דָארְט זַיין
צַדִּיק'ל וַוארְטְן... עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים
אָפְּצוּרֶעדְן פוּן פָארְן, זָאגְנְדִיג: "דוּ הָאסְט דָאךְ נִישְׁט
קַיין װעש אוֹיף יוֹם טוֹב..."
יוֹחָנָן עֶנְטְפֶערְט: "ס'לִיגְט שׁוֹין אִין רֶענְצְל!..."
װען רֶבִּי בָּרוּךְ הָאט גֶעזֶען דָאס בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן זַיין
קְלֵיינֶעם הָאט עֶר אִים מִיטְגֶענוּמֶען קַיין אוּמַאן.
אִינְגֶערְהַייט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעזֶען אַז דָאס אִינְגְל
אִיז אַ לֶעבְּעדִיג וואוּיל קִינְד, אוֹיךְ אִין זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערֶע
יָארְן אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַלְס אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ
אִיד. בִּפְרַט װען ס'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן
אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען ווִי
מִיר ווִילְן שׁוֹין זֶען.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי תְּקוּפָה פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן,
װען רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעוֶוען אַ 'גֶעזוּכְטֶער', יֶעדֶעס
מָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב אִיז גֶעוֶוען פַארְבִּינְדְן מִיט
סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

װען דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט
הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן פַאר
יֶעדֶע פְּרַייז. עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אָרְגִינַאלְן
אֵיינְפַאל: זַיין פָּנִים הָאט עֶר פַארְדֶעקְט מִיט
שְׁמַאטֶעס אוּן אַלְטֶע קְלֵיידֶער מֶען זָאל אִים
נִישְׁט דֶערְקֶענֶען, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם בַּאן
סְטַאנְצְיֶע. װען דִי פַארְבַּייגֵייעֶר הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם
מָאדְנֶעם פַארְשׁוֹין הָאבְּן זֵיי
זִיכֶער גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז
גֶעוָוארְן עֶרְגֶעצְוואוּ צֶעקְלַאפְּט
אוּן צֶע'מַזִּיק'ט, הָאבְּן זֵיי
רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף אִים אוּן
אִים גֶעשֶׁענְקְט אַ פְּלַאץ וואוּ
צוּ זִיצְן, אַזוֹי הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן
זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְגְרֵייכְן דָאס
הֵיילִיגֶע אָרְט אוּמַאן.



װען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט
הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן חֲתוּנָה גֶעהַאט
צוּ דִי טָאכְטֶער פוּן דֶער גְרוֹיסְן חָסִיד רֶבִּי גֶעצֶ'י פוּן
אוּמַאן.

רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט ווִי זַיין טַאטֶע, אַלְס
אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל בֶּכִי, בַּיי יֶעדֶע בַּאזוּךְ בַּיים רֶבִּי'נְס
צִיּוּן הָאט עֶר פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן! נַאס מַאכְנְדִיג
דָאס מַצֵּבָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן שׁוֹין
גֶעהַאט אַ סִימָן: אוֹיבּ דֶער צִיּוּן אִיז נַאס פוּן טְרֶערְן
- אִיז אַ סִימָן אַז רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז עֶרְשְׁט גֶעוֶוען דָא...
רֶבִּי שְׁמוּאֵל הוֹרְבִיץ װען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן,
שְׁרַייבְּן עֶר אִין זַיין סֵפֶר גְרוֹיסֶע שְׁבָחִים אוֹיף רֶבִּי
יוֹחָנָן: "װען קֶען בַּאשְׁרַייבְּן דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן

בֶּן רֶבִּי בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער? יֶעדְן טָאג גֵייט עֶר צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אוּן לָאזְט גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן פוּן זַיינֶע גֶעשְׁוָואלֶענֶע אוֹיגְן מִיט אַ גֶעוֵויין פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, עֶס דַאכְט מִיר אַז אַזַא סָארְט עֲבוֹדָה אוּן גֶעוֵויין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

זַיין בּוּשָׁה אוּן תְּשׁוּבָה בַּיים עֶסְן אוּן אַנְדֶערֶע טָאג-טֶעגְלִיכֶע עִנְיָנִים... זַיין עֶסְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זַיין רִבּוֹן כָּל עוֹלָמִים, דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן. יֶעדֶע פֶערְטְל שָׁעָה קְלַאפְּט עֶר מִיט זַיין פִינְגֶער זִיךְ דֶערְמַאנֶענְדִיג 'וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט? וֶוען זַיין פָּנִים וֶוערְט פַארְפְּלַאמְט רוֹיט. אַזוֹי אוֹיךְ זַיין דַאוֶונֶען אוּן שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אוּן זַיין שִׁפְלוּת וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט אִיז אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער. גָאר אַ וַוארִימֶע הַארְץ אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חֶסֶד אִיז רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעוֶוען. וֶוען אַ גַאסְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אִים אִין שְׁטוּבּ, הָאט עֶר צוּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ גֶעוֶוען, אוּן וָואס סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן הָאט עֶר אִין זַיינֶע קִינְדֶער גֶענוּמֶען שִׁירַיִם.

וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מָאסְקֶעוֶוע אִין דִי צַייטְן וֶוען הוּנְגֶער הָאט גֶעהֶערְשְׁט אִין רוּסְלַאנְד, פְּלֶעגְט רֶבִּי יוֹחָנָן שִׁיקְן פֶּעקְלֶעךְ 'טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט' פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אִין אוּמַאן, זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן הוּנְגֶער.

אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער שְׁוָואגֶער פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, דֶער חָסִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי צְבִי דוּבִּינְסְקִי, אִיז פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן קַיין סִיבִּיר פַאר גַאנְצֶע נַיין יָאר, וֶוען זַיין גַאנְצֶע זִינְד אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַ צְוֵוייטְן אִיד צוּ הִיטְן שַׁבָּת!

דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן פַאלְט אוֹיס דִי וָואךְ כ"ו שְׁבָט רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן רֶבִּי בָּרוּךְ גַאלַאנְט (בארדיטשובער) פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה



## וואס שרייט דער איד?

♥ ▽ ◀ ▷    ◁ ◀ ●    ⬠ ♠ ☆ ▽ ♥ ◀    ○ ◁ ▽ ☆ ♣ ●

☆ ▼ △ ♦ ◀    ⬠ ⬟ ○ △ ♥ ▽    ○ ◁ ☆ ▼ ◆ ○

♦ ⬠ ▶ ■ ○

ליין די ווערטער מיט די הילף פון די סימנים דא אונטן

**אותיות קאוד**

| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ■ | □ | ▲ | △ | ● | ○ | ◆ | ◇ | ★ | ☆ | ▼ |
| **ל** | **מ** | **נ** | **ס** | **ע** | **פ** | **צ** | **ק** | **ר** | **ש** | **ת** |
| ▽ | ◀ | ◁ | ▶ | ▷ | ♠ | ♣ | ♥ | ♦ | ⬟ | ⬠ |




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען דֶער 'בָּחוּר' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן): "בִּיז וִוילַאנְג וֶועט מֶען עֶס אִים אַלְץ פַּארְשִׁיקְן וַוייטֶער"? – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ לָאזְן אַהִין" (דְהַיְינוּ: צוּ דֶער 'בַּת-קֵיסָר) – טָאמֶער וֶועט עֶר פּוֹעֶלְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר הָאט אַ זַאךְ, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודְאַי פּוֹעֶלְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיין 'שִׁיר' – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְמֶער 'סִימָנִים', זֵייעֶר-גוּטֶע 'סִימָנִים – אוּן עֶר הָאט זִי דֶערְמַאנְט: "אַז עֶר הָאט מִיט אִיר אִין אֵיין 'חֵדֶר' גֶעלֶערְנְט" – אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע 'סִימָנִים' – אוּן עֶר הָאט אִיר אַלְץ אוֹיסְדֶערְצֵיילְט: "אַז 'עֶר' הָאט גֶעשִׁיקְט דִי 'מְלָכִים' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן אַז 'עֶר' הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס 'כְּתַב' אִין אַ 'בּוֹים' – אוּן אַלְדִינְג [אַלֶעס] וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן]"!

אָבֶער זִי הָאט דֶערוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט (אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע 'דְרֵיי מְלָכִים', הָאבְּן בְּוַודְאַי אוֹיךְ גֶעמוּזְט זָאגְן עֶפֶּעס 'טַעֲמִים', פַּארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דָאס 'כְּתַב')!

אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען אִים – אִיז בְּוַודְאַי נִישְׁט מֶעגְלִיךְ – וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] אַ לַאנְגֶע צַייט.

אוּן זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, אוֹיף קַיין שׁוּם 'סִימָנִים' – בִּיז מְ'וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען דָאס 'כְּתַב' פוּן אִיר 'הַאנְט' אַלֵיין – וָוארְן אוֹיף דֶעם 'עֶרְשְׁטְן' [מֶלֶךְ], הָאט זִי זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז 'עֶר' בְּוַודְאַי – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן' [מֶלֶךְ] וְכוּ' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט קַיין שׁוּם 'סִימָנִים' וְכוּ', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן דֶער 'בָּחוּר' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן'), הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר קֶען דָא קַיין שְׁהִיּוֹת נִישְׁט מַאכְן (כְּלוֹמַר: עֶר קֶען דָא נִישְׁט זוּמֶען – וָוארְן טָאמֶער וֶוערְט מֶען גֶעוָואר אַז עֶר אִיז דָא, וֶועט אִים דֶער 'קֵיסָר' הַרְגֶ'ענֶען, כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערְן צוּ זַיין 'אָרְט', אִין דֶער 'מִדְבָּר' אַרַיין, וָואס עֶר אִיז פְּרִיעֶר דָארְט גֶעוֶוען – אוּן דָארְט וֶועט עֶר אִיבֶּערְלֶעבְן [אָפְּלֶעבְן] זַיינֶע יָאהְרְן"!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דֶער 'מִדְבָּר' – אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'מִדְבָּר' הַנַ"ל.

דֶערְוַוייל [אִינְצְווִישְׁן] ווִי דָאס הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן] – דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] זֵייעֶר אַסַאךְ יָאהְרְן – אוּן בַּיי דֶעם 'בָּחוּר' אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן] אִין דֶער 'מִדְבָּר', אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְּן [אָפְּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"! – וֶועדְלִיג [לוֹיט] ווִי עֶר הָאט אָפְּגֶעשַׁאצְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעקְלֶערְט [אוֹיסְגֶעפָארְשְׁט] גֶעוָוארְן אִין זַיין דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז סְ'אִיז גוּט דָא אִין דֶער 'מִדְבָּר', אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן [אָפְּצוּלֶעבְּן] זַיינֶע יָאהְרְן"!

אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן הָאט גֶעגֶעסְן פוּן דִי 'פֵּירוֹת' וְכוּ', כַּנַ"ל.

אוּן אוֹיף דֶעם 'יַם', אִיז גֶעוֶוען אַ 'רוֹצֵחַ' – אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט גֶעהֶערְט: "אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי' אַ [אַזַא] 'יְפַת־תּוֹאַר' אוֹיף דֶער וֶועלְט – הָאט עֶר גֶעוָואלְט זִי אוֹיפְכַאפְּן [כַאפְּן] – כָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעדַארְפְט, וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'סָרִיס' – נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִי כַאפְּן, כְּדֵי עֶר זָאל זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אַ 'מֶלֶךְ' – וֶועט עֶר פַאר אִיר נֶעמֶען, זֵייעֶר אַסַאךְ 'גֶעלְט'".

אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ פָּארֶען אִין דֶער זַאךְ (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל זִי קֶענֶען אוֹיפְכַאפְּן) – אוּן אַ 'רוֹצֵחַ' אִיז זִיךְ 'מוּפְקָר' – הָאט עֶר זִיךְ מַפְקִיר גֶעוֶוען, [אִיז אוֹיבּ] וֶועט עֶר פוֹעֶלְן, [וֶועט עֶר] פוֹעֶלְן – אוּן [אַז] נִישְׁט, וָואס וֶועט עֶר דָא אַיינְשְׁטֶעלְן, וָוארְן עֶר זִיךְ אַ 'מוּפְקָר', אַזוֹי־ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אַ 'רוֹצֵחַ'.

אוּן דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אָנְגֶעקוֹיפְט זֵייעֶר אַסַאךְ 'סְחוֹרוֹת', מְשׁוּנֶה פִיל – אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט 'גִילְדֶענֶע פֵייגְלֶעךְ' – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן מִיט [פַאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת', אַז מְ'הָאט גֶעמֵיינְט [אַז] זֵיי לֶעבְּן – זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען נַאטִירְלֶעךְ, פוּנְקְט אַזוֹי־ווִי 'לֶעבֶּעדִיגֶע פֵייגְלֶעךְ'.

ווִידֶער הָאט עֶר גֶעמַאכְט 'גִילְדֶענֶע זַאנְגֶען' – אוּן דִי 'פֵייגְל' זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי 'זַאנְגֶען' – אוּן דָאס אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ 'חִידוּשׁ', וָואס דִי 'פֵייגְל' שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי 'זַאנְגֶען', אוּן דִי 'זַאנְגֶען' וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן – וָוארְן סְ'גֶעוֶוען 'גְרוֹיסֶע פֵייגְל'.

אוּן עֶר הָאט ווִידֶער גֶעמַאכְט [פַאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת' – אַז סְ'הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵייגְל' שְׁפִּילְן – אוּן 'אֵיינֶע' הָאט גֶעקְנַאקְט [מִיטְן צִינְג] – אוּן 'אֵיינֶע' הָאט גֶעשְׁוִוישְׁטְשֶׁעט – אוּן 'אֵיינֶע' הָאט גֶעזִינְגֶען.

אוּן דָאס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מִיט 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְן] – וָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' זֶענֶען דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ 'חֶדֶר' [צִימֶער] וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער 'שִׁיף' – אוּן דִי 'מֶענְטְשְׁן' זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי 'פֵייגְל' – אוּן דִי 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן דָאס אַלְץ גֶעטָאן – אוּן סְ'הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵייגְל'

אַלֵיין שְׁפִּילְן – וָואךְן זַיי זֶענֶען גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן מִיט 'דְרָאטְן', מִיט [פַּאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת' – הָאט זִיךְ [דֶערִיבֶּער] גֶעדַאכְט, אַז דִי 'פֵּייגְל' אַלֵיין טוּעֶן דָאס אַלְץ.

און דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם אַלֶעמֶען – צוּ דֶער 'מְדִינָה' וָואס דִי 'בַּת־קֵיסָר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] אִיז דָארְט גֶעוֶוען – און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ צוּ דֶער 'שְׁטָאט' וָואס זִי אִיז דָארְט גֶעוֶוען – און עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט זַיין 'שִׁיף' אִין 'יַם' – און הָאט דִי 'שִׁיף' גֶעאַנְקֶערְט [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּלַאץ].

און עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסְן 'סוֹחֵר' – פְּלֶעגְט מֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים, מְ'זָאל בַּיי אִים קוֹיפְן 'סְחוֹרוֹת טֵייעֶרֶע' – און עֶר אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ [שְׁטִיק] צַייט, אַ פֶערְטְל יָאהְר און וַוייטֶער [מֶער].

און מְ'הָאט אַלְץ גֶעטְרָאגְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע 'סְחוֹרוֹת', וָואס מְ'הָאט בַּיי אִים גֶעקוֹיפְט.

הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' אוֹיךְ חֵשֶׁק גֶעהַאט, בַּיי אִים צוּ קוֹיפְן 'סְחוֹרָה' – הָאט זִי צוּ אִים גֶעשִׁיקְט [גֶעבֶּעטְן]: "אַז עֶר זָאל צוּ אִיר טְרָאגְן 'סְחוֹרָה'"!

הָאט עֶר צוּ אִיר אָפְּגֶעשִׁיקְט [מוֹדִיעַ גֶעוֶוען]: "[אַז] עֶר בַּאדַארְף דָאס נִישְׁט, אַז עֶר זָאל טְרָאגְן 'סְחוֹרָה' צוּם 'קוֹנֶה' אִין 'שְׁטוּב' אַרַיין – כָאטְשֶׁע זִי אִיז אַ 'קֵיסָרְ'ס טָאכְטֶער' – [און] וֶוער סְ'בַּאדַארְף 'סְחוֹרָה', זָאל צוּ אִים קוּמֶען"! – און אַ 'סוֹחֵר' קֶען [דָאךְ] קֵיינֶער נִישְׁט נֵייטְן [צְווינְגֶען] דֶערוֹיף.

הָאט זִיךְ דִי 'בַּת־קֵיסָר' מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זִי וֶועט צוּ אִים גֵיין"!

און אִיר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען: וֶוען זִי פְלֶעגְט גֵיין אִין 'מַארְק' – פְּלֶעגְט זִי זִיךְ פַארְהֶענְגֶען דָאס 'פָּנִים' – כְּדֵי מְ'זָאל אוֹיף אִיר נִישְׁט קוּקְן – וָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' וֶועלְן קֶענֶען אַנִידֶערְפַאלְן, און 'חֲלָשׁוּת' בְּלַייבְּן וְכוּ', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] אִיר שֵׁיינְקַייט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶעגַאנְגֶען – און הָאט זִיךְ דָאס 'פָּנִים' פַארְהָאנְגֶען – און זִי הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען, אִירֶע 'פַּאנֶעס'.

און אַ 'וַואךְ' [זֶעלְנֶער צוּ הִיטְן], אִיז אִיר נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

און זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'סוֹחֵר' (דְהַיְינוּ: צוּ דֶעם 'רוֹצֵחַ' וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר') – און זִי הָאט בַּיי אִים גֶעקוֹיפְט 'סְחוֹרוֹת' – און זִי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'רוֹצֵחַ' דֶער 'סוֹחֵר'): "אַז דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן נָאךְ שֶׁענֶערֶע זַאכְן דֶערְפוּן, זֵייעֶר ווּאוֹילֶע [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] זַאכְן"! און זִי הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים!

דֶערְנָאךְ אִיז זִי וִוידֶער אַמָאל גֶעקוּמֶען – און הָאט גֶעקוֹיפְט בַּיי אִים 'סְחוֹרָה' – און אִיז וִוידֶער אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען!

און דֶער 'רוֹצֵחַ' אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ [שְׁטִיק] צַייט.

דֶערְוַוייל אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר' שׁוֹין גֶעוואוֹינְט [צוּגֶעוואוֹינְט] גֶעוָוארְן בַּיי אִים צוּ זַיין – זִי פְלֶעגְט אָפְט, צוּ אִים אַרַיינְצוּגֵיין.

שם: ________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםאן (7)

**א. ווען דער זון פון בערגיר איז געקומען וואס האט אים די טאכטער פון קיסר געענטפערט?**
- ❑ אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין סימנים ביז מ'ווועט איר ברענגען די כתב פון איר האנט אליין
- ❑ זי האט אים געפרעגט פון וואו האבן די ערשטע דריי קעניג'ן געוואסט

**ב. וואו אהין איז דער זון פון בערגיר נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ צו מדבריות
- ❑ צו די מדבר וואס ער איז פריער דארט געווען
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ

**ג. פארוואס האט דער רוצח געוואלט כאפן די בת קיסר?**
- ❑ כדי איר צו פארקויפן און נעמען פאר זיך די געלט
- ❑ כדי זיך מיט איר משדך זיין
- ❑ כדי איר צו הרג'נען

**ד. וועלכע  מין סארט פייגאלאך האט דער רוצח געמאכט?**
- ❑ פון גאלד
- ❑ פון קופער
- ❑ פון זילבער

**ה. וואס האט געמאכט די פייגאלאך זינגען?**
- ❑ מ'האט זיי אויס געלערנט צו זינגען
- ❑ עס זענען געווען מענטשן פארשטעלט אזוי ווי פייגעלעך
- ❑ מענטשן וואס זענען געשטאנען אין א צימער אונטער דעם, האבן עס געמאכט מיט דראטן

**ו. וואו האט זיך דער רוצח געשטעלט מיט זיין שיף?**
- ❑ אין טייך
- ❑ אין גרעניץ
- ❑ אין ים

**ז. האט דער רוצח מסכים געווען צו קומען פארקויפן זיין סחורה צו די בת קיסר?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר די ערשטע מאל

**ח. וואס האט דער סוחר געזאגט פאר די טאכטער פון קיסר ווען זי איז געקומען קויפן סחורה?**
- ❑ אז ביים קומעדי'גע מאל וועל איך יא קומען צו דיר פארקויפן די סחורה
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר ווייזן נאך שענערע זאכן
- ❑ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר פארקויפן פאר ביליגער

**ט. וויפיל מאל איז די בת קיסר אריין אין שיף פונעם רוצח?**
- ❑ צוויי מאל
- ❑ צוואנציג מאל
- ❑ זי פלעגט אפט אריין גיין

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

**אויף וועמען נאך ווערט דערמאנט אין די מעשה אז ער איז א "רוצח" ?**

**וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט "רוצח"?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אויף וועמען דערציילט דער רבי ביי די מעשה – אז ער האט געזאגט א ליגנט ?**

דער צווייטער מלך "זָאל עֶר זָאגִין דֶעם אֶמֶת אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט... הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר וֵוייסְט נִיט"

**געווינער אויף בערגער ווענ #6 איז הילד החשוב נחמן זילביגער, בית שמש כתה ו'.**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַכְטוּנְג: מֶען לָאקֶערְט אוֹיף דִיר!

אִין דִי מַעֲשֶׂה:

עֶס וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט קְלַאנְגֶען, אַז עֶס אִיז דָא אַ קֶענִיגְלִיךְ טָאכְטֶער, וָואס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַאלְן אוֹיפְן עֶרְד פוּן אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקַייטְן. אַנְדֶערֶע, וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוען זֵיי קוּקְן אוֹיף אִיר.

מִיט דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד אוּן חֲשִׁיבוּת וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען, אִיז אִיר נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט פִּיבֶּערְהַאפְטִיג אִיר צוּ פַארְכַאפְּן.

אָט דֶער אֵיינֶער, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין לַייכְטֶער מֶענְטְשׁ. פַארְקֶערְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶערְדֶער! עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעכְנְט אַז עֶר וֶועט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר. נָאר וָואס דֶען אִיז גֶעוֶוען זַיין צִיל? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אִיךְ וֶועל אִיר כַאפְּן, אוּן פַארְקוֹיפְן פַאר אַ קֶענִיג, פַאר אַסַאךְ גֶעלְט. אַזוֹי, וֶועל אִיךְ גָאר שְׁטַארְק רַייךְ וֶוערְן!'

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין בֵּייזְוִוילִיגְן פְּלַאן? עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט פִּיל סְחוֹרָה. עֶר הָאט גֶעמַאכְט גָאלְדֶענֶע פֵייגְלֶען וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף גָאלְדֶענֶע זַאנְגֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִויאַזוֹי דִי דִינֶע זַאנְגֶען וֶוערְן נִישְׁט אַיינְגֶעבְּרָאכְן. נָאךְ אַ זַאךְ הָאט עֶר



גֶעמַאכְט, אַז עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וִוי אֵיינֶע טְשִׁיפְּטְשֶׁעט מִיטְ'ן מוֹיל, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זִינְגְט.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען אוּן גֵיין פוּן זַיין שִׁיף, אוּן דֶער קֵייזֶערְ'ס טָאכְטֶער הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִיר, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט. בִּיז, עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אַז זִי אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן זִי אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים.

זַייעֶנְדִיג דָארְטְן, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט, "קוּם אַרַיין נָאךְ טִיפֶער, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן פִּיל שֶׁענֶערֶע זַאכְן".

אַזוֹי, אִיז זִי גֶעוָוארְן צוּגֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי אִים.

בַּיים עֶנְדֶע פוּן 'קְרִיאַת-שְׁמַע לֵיינֶען' אִיז פִּנְחָס גֶעקוּמֶען שְׁנֶעל צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט:

אִיךְ בִּין פְּרִיעֶר גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטִיבְּלֶעךְ - פְּרֶעגְטְס נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דָא דָארְטְן! עֶס שְׁטֵייט דָארְט

המשך אויף זייט 5

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יואל יאראוויטש הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למזל טוב

לזכות החתן שמואל בן שרה הינדא
והכלה שרה מרים בת ברוריה
שיזכו לבנות בית נאמן בישראל דורות ישרים ומבורכים

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל חיים אפעל הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב